בס"ד

**מאמר השקפה**

פרשת פינחס

שנת תשפ"ד לפ"ק

## דער הייליגער רבי ר' אלימלך

# האט אונז צוזאגן בימינו אלה

יא, מ'קרעכצט... יא, מ'וויטאגט...

אודאי, מענטשן האבן ליב צו זיין פאזיטיוו, ווי ווייניגער קרעכצן, ווי ווייניגער זיך אפרעדן, מ'וויל ענדערש זיין פארנומען מיט שמחות. אבער ווי קען מען רעדן פון שמחות ווען מ'איז דאך שרוי בצער. ווי קען מען זיך פרייען ווען כלל ישראל איז פארוויטאגט און צובראכן. אז עס טוט וויי שרייט מען, עס קרעכצט זיך ארויס פון זיך אליין.

מיר זענען אריין אין די דריי וואכן, די ימי בין המצרים. מדין הלכה דארף מען ממעט זיין בשמחה, מ'טאר זיך נישט משמח זיין, אין שו"ע ווערט גע'פסק'עט "ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן בית המקדש". און ווי צדיקים האבן געזאגט, אז ווער עס איז נישט מיצר ודואג אויפ'ן חורבן ביהמ"ק, ער שפירט נישט דעם צער השכינה און צערן של ישראל, דארף ער וויינען אויף זיין אייגענעם חורבן.

**כאמאס מן הדרום, כיזבאללא מן הצפון, סיריע אין צפון-מזרח, און מקצה הארץ מארץ תימן האט זיך געעפנט א פרישער פראנט, זיי באווייזן אז זיי קענען שיקן דראונס פון גאר ווייט, און זיי זאגן קלאר אז ביי זיי איז נישטא קיין שום 'רוויטע ליניעס', זיי גייען מיט נקמה לכל אורך הדרך. דער מצב איז פחדים נוראים. שומר ישראל שמור שארית ישראל.**

ועל דא קא בכינא, אויב זענען מיר היינט נישט גענוג אויף די מדריגה פון לאזן טרערן אויפ'ן חורבן בית אלקינו, לאמיר וויינען אויף אונזער חורבן.

מיר שטייען אין חדשי תמוז אב, די חדשי העינים שנפלו בחלקו של עשו, עיני עיני יורדה מים. יא, לויט אלע שיטות איז דא וואס צו וויינען.

### די שטורעמישע שוועיגעניש

לאמיר אפיר נעמען די לעצטע נייעס אויפ'ן שפיץ גאפל.

אין די ציוני'סטישע מדינה האט מען אנגעהויבן ארויסצושיקן די ערשטע "צווי גיוס" פאר בחורי הישיבות. די ציוני'סטישע רשעים האלטןווארט, זיי האבן אפגעהאקט די געלטער פאר די ישיבות, און זיי הייבן אן צו רופן בחורים אין מיליטער דינסט, כאטש עס איז נאך זייער נישט קלאר ווי אזוי זיי פלאנען זיך צו פארמעסטן מיט רבבות רבבות בחורים, כאטש אויף דערווייל זאגן זיי אז זיי צילן 'נאר' 3,000 בחורים - ה"י.

דער טרוקענער מציאות אויפ'ן שדה המלחמה איז מאמענטאל:

די ספרדים למיניהם - ארייגערעכנט די וואס זענען שותפים צו די ממשלת המינים - האבן ארויסגעגעבן א ווײ געשריי און א פסק "**לא להתייצב**", טייל פון זיי זאגן קלאר אז דאס איז אפילו פאר '**בחורים שאינם לומדים**'.

די ליטווישע ראשי ישיבות - אין שפיץ פון די מנהיגי דגל התורה - האבן ארויסגעגעבן א פסק דין "לא להתייצב", כאטש עס זענען דא אייניגע נקודות וואס איז נישט אינגאנצן קלאר על מה ועל מי איז די כוונה. דער רבי פון קרית צאנז האט ארויסגעגעבן א פסק "**לא להתייצב**".

ווידער, אין די אלגעמיינע קרייזן פון '**אגודת ישראל**', הנמכרים לעקר ולשולחן איזבל הערשט א טאפנדע שטילקייט - ריכטיגער געזאגט - א שטורמישע שטילקייט.

א שטילקייט וואס ווארפט אן אויף אונז א פחד נורא, א שוועיגעניש וואס הילכט, ווייל אויב אויפ'ן טיש איז שטיל, איז א סימן מובהק אז עס קאכט זיך אונטער'ן טיש...

און ווען עס קאכט זיך אונטערן טיש קענען מיר שוין אונזערע קעכערס, אונזערע שרי הטבחים האבן שוין ליידער אסאך אפגעקאכט, די קדירה שבו בשלו איז ליידער שווארץ...

### ממזרח וממערב מצפון ומים...

דער גשמיות'דיגער מצב פון אונזערע ברודער אין ארה"ק איז אויך נורא ואיום. עס גייט אן א מלחמה אויף מינימום פיר פראנטן, אוי, טאטע אין הימל.

כאמאס מן הדרום, כיזבאללא מן הצפון, סיריע אין צפון-מזרח, און מקצה הארץ מארץ תימן האט זיך געעפנט א פרישער פראנט, זיי באווייזן אז זיי קענען שיקן דראונס פון גאר ווייט, און זיי זאגן קלאר אז ביי זיי איז נישטא קיין שום 'רוויטע ליניעס', זיי גייען מיט נקמה לכל אורך הדרך.

דאס איז אויסער וואס ס'קאכט זיך טיף אינערליך ביי די אראבער אויך אין מערב ברעג, און זאגאר ביי די אראבער אין מדינת ישראל זעלבסט, וועלכע ווילן זיך צושטעלן צו די מלחמה און דורכפירן שוידערליכע טעראר אטאקעס אויף אידישע קרבנות אין מדינת ישראל, ה"י.

די תימ'נער כוטיס זאגן אויך אז זיי ארבעטן מיט פרא-איראנער מיליציעס אין איראק. ועל כולם איז ווי פארשטענדליך פאראן דער זארג און די קארדינאלע פראגע איבער די ווייטערדיגע שריט פון איראן זעלבסט.

דער מצב איז פחדים נוראים. שומר ישראל שמור שארית ישראל.

## מיר ווערן געפרובט מיט נאך א נסיון

אין אמעריקע איז די וואך געווען די גרויסע נייעס.

שטייענדיג גאר נאנט צו די פרעזידענטליכע וואלן וואס איז געפלאנט פארצוקומען אין געציילטע חדשים ארום, האט דער אמטירענדער 81 יעריגער פרעזידענט - און דער ביז-איצטיגער דעמאקראטישער קאנדידאט - דזשאוביידען יר"ה, זיך ארויסגעצויגן פונעם פארמעסט. און די דעמאקראטישע פארטיי איז פארנומען מיט'ן אויפנעמען א פאסיגן ממלא מקום, וואס זאל זיך פארמעסטן קעגן דאנאלד טראמפ'ן ביי די בעפארשטייענדע וואלן.

ווארשיינליך ווי עס זעט אויס איז די שטארקסטע קאנדידאט די וויצע פרעזידענט, פרוי הערים.

און דא קומט ארויף א נקודה וואס איז זייער ווייטאגליך, און עס איז גאר ווייניג פאפולער צו רעדן דערפון, אבער רבותי! עס איז א הכרח.

> **מיט'ן אבזערווירן ווי צוויי זקני עמי הארצים, צוויי אלטע אפגעריסענע בעלי תאוות, שלאגן זיך ביי די אכציג יאר ווי קליינע קינדער. אן ערנסטער פארמעסט וועלכער אלטיטשקער קען נאך שרייען מער זידל ווערטער אויפ'ן צווייטן.**
>
> **... יעדע ראלי, יעדע דעבאטע, יעדע קאנפערענץ, וועט זיין דאמינירט מיט ראיות אסורות פון אלע זייטן השם ישמרנו.**

ווי דערמאנט, מיר שטייען יעצט אין חודש תמוז-אב אין די חדשי העינים.

דער הייליגער **אפטער רב** (אוהב ישראל לט"ו באב) ברענגט פונעם הייליגן רבי'ן **רבי שמעלקא** ז"ל פון **ניקלשבורג** וואס טייטשט דעם פסוק (איוב לא, א) "ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה". געווענליך איז חודש אלול דער זמן וואס אידן טוען תשובה, מ'איז זיך מתקן די דרכים און מען טוט וואס מ'האט צו טון, אבער ווער עס האט שכל ווארט נישט אויף חודש אלול, ער הייבט זיך שוין אן צו מתקן זיין אין חודש תמוז-אב, אין די חדשי העינים.

ממילא אויב 'ברית כרתי לעיני', ער האט זיך שוין געשטעלט אויף די פיס אין די פריערדיגע חדשים, תמוז-אב, 'מה אתבונן על בתולה', דארף ער שוין נישט לייגן אזויפיל כוחות אין אלול, וואס איז 'מזל בתולה', ווייל ווי נאר חודש אלול קומט אן שטייט ער שוין אויף די פיס און ער איז שוין גוט צוגעגרייט דערצו.

אין ספה"ק **דעת משה** פון הרה"ק **רבי משה'לע קאזשניצער זללה"ה**, זאגט ער ענדליך צו דעם, אז דא איז אויך מרומז, 'ברית כרתי לעיני', אויב איז מען נזהר כראוי אין שמירת עינים אין די חדשים, אין א צייט ווען די נסיונות זענען גרעסער און שווערער, און מען דארף האבן מער שמירת עינים ווי א גאנץ יאר, עס זענען הייסע טעג, און די אויסגעלאסנקייט איז ליידער מער, דארף מען א גרעסערע שמירה מער ווי א גאנץ יאר, דאס איז "מה אתבונן על בתולה", ווייל דאס איז די ריכטיגע עבודה און די הכנה צו חודש אלול.

טייערע ברידער.

ליידער, מיר לעבן היינט אין א מצב ווען א היבשער טייל פונעם ציבור - ליידער נישט דוקא נאר אין די גרעניצן פון די 'מחנה מגושמים' - ליגן פארזינקען אין די גוי'אישע נייעס מיט די שיך און זאקן... מ'ווייל הערן וואס דער ערל טמא האט צו זאגן, און וואס דער צווייטער ענטפערט אים. ממש מ'לעבט מיט די גוי'אישע דעבאטעס און די שמוציגע ראליס, און יעדער איז נייגעריג אויף די אנקעטעס וואו עס האלט, אזוי אז די גוי'אישע נייעס בושעוועט אין קאפ איבער'ן גאנצן טאג.

אויב איז נישט גענוג געווען ביז היינט די צרה מיט'ן זיין נייגעריג אויף גוים, מ'פאר'מיאוסט זיך די אויערן מיטן הערן זייערע רעדעס און סטעיטמענטס - און ליידער, ביי אנדערע בארירט דאס אויך די ראי' - מיט'ן אבזערווירן ווי צוויי זקני עמי הארצים, צוויי אלטע אפגעריסענע בעלי תאוות, שלאגן זיך ביי די אכציג יאר ווי קליינע קינדער. אן ערנסטער פארמעסט וועלכער אלטיטשקער קען נאך שרייען מער זידל ווערטער אויפ'ן צווייטן.

ווערט יעצט ניתוסף א צרה על צרה, אויב חס ושלום קומט אריין א פרוי אינעם פארמעסט, קומט דא אריין א פרישער נסיון.

יעדע ראלי, יעדע דעבאטע, יעדע קאנפערענץ, וועט זיין דאמינירט מיט ראיות אסורות פון אלע זייטן השם ישמרנו.

ווייניגסטנס טייל פונעם המון עם וואס ליגט אין פאליטיק וועט מיטהאלטן, מ'וועט זיין נייגעריג, און מ'וועט וועלן הערן וואס זי האט צו זאגן.

אבער ניין! די תורה הקדושה לאזט נישט!

דא דארף מען אנהייבן צו רעדן און האמערן איינמאל און נאכאמאל: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איז א דאורייתא! יעדע הסתכלות בפני אשה איז א דאורייתא! מען גייט אין גיהנם דערפאר! מען טאר דאס נישט טון!

## רבי אלימלך שרייט "בנכליהם"!

מיר שטייען אין פרשת פנחס.

אז עס גייט פרשת פנחס ווייסט יעדער די מורא'דיגע ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן רבי אלימלך זי"ע אויפ'ן פסוק "כי צוררים הם להם בנכליהם".

דער הייליגער נועם אלימלך שטעלט זיך אויף דעם וואס עס שטייט 'בנכליהם' וואס קוקט אויס ווי כאילו אונזער פראבלעם מיט די מדינים איז געווען עפעס וואס האט געהאט צו טון בלויז במחשבה, אין דער צייט וואס זיי האבן מחטיא געווען דאס כלל ישראל אויף א שרעקליכן אופן במעשה.

זאגט דער רבי ר' אלימלך, יא, אמת, דער חטא וואס מואב האט גורם געווען פאר כלל ישראל איז טאקע געווען במעשה, און דאס האט טאקע אפגעקאסט א טייערן פרייז ווען עס זענען געפאלן אין די מגיפה כ"ד אלף מישראל, אבער די נאכווייען זענען געווען אסאך ארגער, כלל ישראל איז געווען פארנומען מיט די נייעס, וואס איז געווען?! וואס האט זמרי בן סלוא געטון?! מ'האט געדראשן די שמוץ מיט נייגער און אינטערעסע, מ'האט זיך גע'טובל'ט אין זוהמא מיט'ן היתר אז עס איז בלויז 'נייעס', און דאס האט געפירט דאס כלל ישראל ווייטער און ווייטער, ביז...

דער רבונו של עולם, דער הייליגער באשעפער, וואס האט

באפוילן פאר אידישע קינדער **"קדושים תהיו כי קדוש אני ה' מקדישכם"**, האט באפוילן פאר משה רבינו **"צרור את המדינים והכיתם אותם"**, ווייסטו פארוואס? נישט בלויז ווייל זיי האבן בפועל מחטיא געווען אידישע קינדער, ניין, נישט איבער די דורכגעפאלענע איז געווען דער גרויסער עסק, נאר אסאך ערגער איז געווען דאס **וואס 'כי צוררים הם לכם בנכליה"ם'**, די 'פרומע' אידן האבן זיך געטראפן אין א מציאות פון פארשמירן דאס מויל מיט ניבול פה, פארשמירן די מחשבות מיט טינופת, מיט'ן תירוץ 'עס איז דאך בלויז די נייעס'...

אט דאס איז געווען דער עומק הכוונה פון עצת בלעם בן בעור, און דאס איז געווען דאס ארגסטע, וואס דעריבער האט דער רבש"ע געוואלט אז עס זאל זיין **"צרור את המדינים"**.

אזא שטיקל נועם אלימלך, ווען מיר לערנען דאס איבער פר' פנחס תשפ"ד, ווערן מיר צובראכן אויף שטיקער, עס רייסט... עס ברענט...

אידישע קינדער האבן נישט קיין וועג ארויס פון די תורה, און מיר מוזן אכטונג געבן אויף אונזערע יסודות און אויף אונזער אידישקייט.

אוי, טאטע אין הימל, וויאזוי וועלן מיר זיך אן עצה געבן צו בלייבן ערליכע אידן מיט אזעלכע נסיונות.

אט דאס שרייט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע **"בנכליהם"**!

די טומאה הציונית האט דאס געוואלט! די טומאת הטעכנאלאגיע האט דאס געוואלט! יצרא דעבודה זרה ארבעט צוזאמען מיט יצרא דעריות, זיי ווילן אריינברענגען אין אונזערע הערצער און אין אונזערע מחשבות, אזעלכע טריפה'נע געדאנקען, זיין פארנומען מיט דיבורי שחץ, דברי מינות, און דיבורי נבלה, אונז מטמא זיין די אויגן און די מחשבות, און דאס איז דער ארגסטער חורבן פון אלעם.

## עס איז נאכנישט באשאפן געווארן די זייף

מיר שטייען נאך אין די ימי השלשים פון דעם **אדם הגדול בענקים הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים זלה"ה**.

נישט לאנג צוריק האבן מיר נאך זוכה געווען צו זיצן בהיכלו כבוד, ותחת אחד השיחים איז אויסגעקומען צו רעדן איבער די נושא צי מ'מעג אריינקוקן אין 'שיינע חיבורים' וואס דער מחבר איז נישט געווען קיין ערליכער איד, אדער וואס ער האט באלאנגט צו געוויסע קרייזן וואס האבן געהאט דיעות כוזבות.

האט רבי שמעי' דערציילט א מעשה נורא, אז עס זענען געווען אמאל ווען די תלמידים פון **הגה"ק המקובל רבי שלמה אלישיב ז"ל בעמח"ס 'לשם שבו ואחלמה'** האבן געוואלט גיין קענען לערנען דעם 'קוק'... האבן זיי אים געפרעגט צי מ'מעג גיין אים אויסהערן, זיי ווייסן אז ער האט דיעות כוזבות, אבער זיי ווילן אים הערן, און זיי שפירן אז זיי זענען בכח צו ארויסנעמען די פסולת מתוך אוכל, און נאר הערן דעם גוטן חלק פון זיינע ווערטער.

האט ער זיי געענטפערט בהאי לישנא "מיום בריאת העולם איז נאכנישט באשאפן געווארן דער סארט זייף, וואס מ'זאל זיך קענען אויסוואשן א צורה וואס האט זיך איינגעקריצט אינעם מח פון א מענטש ווען ער האט געזען א ראי' אסורה ר"ל, אדער אויסוואשן דעם מח נאך וואס מ'האט איינמאל געהערט דברי מינות"... אזוי האט ער זיי געענטפערט בכלליות, עס איז נישטא אזא זאך אז מ'גייט הערן סתם אזוי, עס איז א מציאות אויב מ'הערט ווערט מען נתפעל.

האט רבי שמעי' אויסגעפירט "דאס איז א שטארקער לימוד, אז מ'שפילט זיך נישט מיט די אויגן און מיט די אויערן... צו הערן אדער קוקן וואס מ'טאר נישט".

מיר שטייען באמת אין אן עת נסיון, און מיר דארפן זיך אויפוועקן גענוג באצייטנס.

עס דארף ארויסגיין אן אלארם צו אלע משפיעים, ראשי ישיבות, מגידי שיעור, מלמדים, מ'דארף זיך נעמען האמערן איבער דעם חיוב דאורייתא פון שמירת עינים. מ'דארף שטעלן גדרים וסייגים, און זיכער מאכן אז יעדער ווייסט דעם חומר הענין אז מ'רעדט נישט פון קיין פרומקייטן, חומרות אדער מנהגים. מ'רעדט נישט פון עפעס וואס איז תלוי אין 'חילוקי דעות' אד"ג.

און מ'דארף וויסן: אז בעצם צו נעמען ווערטער פון א פרוי, אפילו נאר הערן וואס זי זאגט ביי א רעדע ברבים גרעניצט זיך מיט הארבע ענינים. בפרט דאס אדורכטון און נושא ונותן זיין דערין, דאס איז **'עצם בלעם'**, אט דאס איז **'בנכליהם'** אויף וואס דער רבי ר' אלימלך זי"ע וויינט.

**די טומאה הציונית האט דאס געוואלט! די טומאת הטעכנאלאגיע האט דאס געוואלט! יצרא דעבודה זרה ארבעט צוזאמען מיט יצרא דעריות, זיי ווילן אריינברענגען אין אונזערע הערצער און אין אונזערע מחשבות, אזעלכע טריפה'נע געדאנקען, זיין פארנומען מיט דברי שחץ, דברי מינות, און דיבורי נבלה, אונז מטמא זיין די אויגן און די מחשבות, און דאס איז דער ארגסטער חורבן פון אלעם.**

וכאן המקום להביע שבח יקר וגדולה פאר די הייליגע עסקנים פון **"טהור עינים"**, **"מפעל עינים"**, און מעגליך נאך אנדערע וואס שוין עטליכע יאר האבן זיי אנגעהויבן צו טון אין די נושא, סיי מיט'ן ארויסגעבן ערליכע גליונות מיט הלכות און דברי התעוררות אין די ענינים. און סיי מיט'ן מעורר זיין אויף די היינטיגע אופנים אז דער חומר הענין זאל גוט פארשטאנען ווערן און דערהערט ווערן ביי אידישע קינדער וואס ווילן זיין ערליך.

די ארבעט יעצט וועט זיין אסאך שווערער, און קריטיש וויכטיגער. תחזקנה ידיכם.

## אכטונג געבן אויף די אייגענע מחשבה

צוריק גייענדיג צום שווערן מצב אין ארץ ישראל, עס הערשט א פחד נורא, פניתי לימין ואין עוזר, לשמאל ואין סומך, און מטבע הדברים ווערן די פרעזידענט וואלן אין אמעריקע שטארק פארבינדן מיט'ן מצב אין ארץ ישראל, ווען יעדער קאנדידאט זאגט ארויס זיינע חשבונות [ליין: דמיונות] וויאזוי מען פלאנט צו שליכטן דעם סכסוך אין מיטל-מזרח.

א סכסוך וועט וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן נאר דורך דעם מלך יחיד ומיוחד וועלכער וועט מקיים זיין דעם **"וכל הרשעה כולה כעשן**

**תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ**", וואס דאס וועט זיין ווען "**ותמלוך אתה הוא ה' אלקינו מהרה לבדך על כל הארץ**".

אבער אזוי אינצווישן, הערנדיג די פלענער און די געדאנקען, קען מען זיך זייער שנעל פארלירן.

אין א שמועס אמאל האט דער בארימטער גדול בישראל, דער אביר ההשקפה ומעתיק השמועה משיירי כנה"ג **הגאון הגדול רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבה הרמה אין לאנדאן**, ומגדולי תלמידי החזון איש והגה"ק מבריסק זצ"ל, צוגעשטעלט די מאורעות התקופה צו די פרשת השבוע.

מיר וואלטן זיך געטרויעט איבערצוגעבן די ווערטער מיט אן הוספת נופך אויף די טיפזיניגע ווערטער, אז דער דערהער זאל קלאר זיין.

סוף פרשת בלק ענדיגט זיך מיט די ביטערע פרשה, ווי כלל ישראל איז נכשל געווארן מיט עצת בלעם הרשע, און זיי זענען דורכגעפאלן מיט עבודה זרה און גילוי עריות.

"**ויּרא פנחס**", זאגט רש"י הק' "**ראה מעשה**", פנחס האט 'געזען', ער האט גוט '**געזען די מעשה**', און ער האט דאס גוט אפגעלערנט, אנדערש ווי אנדערע אידן וואס האבן נישט געוואוסט וואס זיי זעען, זיי זענען געבליבן שטיין פארלוירן, '**והמה בוכים פתח אוהל מועד**', אין דער צייט וואס ביי כלל ישראל איז נאך געווען א שטארקער בלבול המוחות, אן ערבובי', מ'איז געווען פארלוירן און צומישט, מ'האט געזעהן ווי די סאמע גדולים וטובים, די נשיאי ישראל פאלן דורך מיט דאס הארבסטע, אבער פנחס איז קלאר און לויטער, האט משה רבינו געזאגט 'קריינא דאגרתא איהו להוי פרוונקא', גיי פיר אויס די שליחות, דו גיי טו וואס דו דארפסט טון, לך בכוחך זה והושעת את ישראל.

פנחס האט געוואוסט אז ער גייט קעגן דעם שטראם, ער האט געוואוסט אז ער גייט דא אריין אינעם לייבן גרוב, ויקח רומח בידו.

אגב, דער הייליגער **סאטמארער רבי זי"ע** זאגט א דיוק 'ויקח' רומח בידו, ווען פנחס האט געוואלט גיין טון א מעשה קנאות איז ער קודם געגאנגען פרעגן משה רבינו, נאכדעם וואס משה רבינו האט אים געהייסן אויספירן די שליחות, ערשט דאן 'ויקח רומח בידו', איז ער געגאנגען נעמען דעם שווערד אין די האנט, נישט ווי די סארט מענטשן וואס דרייען זיך ארום איבער'ן גאנצן מעת לעת מיט א רומח אין די האנט, זיי זענען אלעמאל גרייט צו שניידן און שטעכן, עס פעלט זיי נאר א קרבן אין ווען אריינצושטעכן זייערע רמחים...

עכ"פ, ווען עס האט אויסגעפעלט פאר כבוד שמים, ווען דאס כלל ישראל איז געווען פארלוירן, פאר'שיכור'ט און פארטומל'ט, די עצה פון בלעם הרשע האט געארבעט אויף זיי, און זיי זענען אריינגעפאלן אין פעקל, האט פנחס אריינגעשטאכן א שווערד אין זמרי בן סלוא.

**מיר דארפן יעצט זיין אנשי שלום און אנשי מלחמה אויפאמאל, מיר דארפן ארויסווייזן אונזער אהבת ישראל, און אונזער דאגה און זארג לשלום אחב"י מיט'ן אכטונג געבן אויף אונזער טהרת המחשבה, סיי פון יצרא דעריות, און סיי פון יצרא דמינות.**

**דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע דערמאנט אונז "כי צוררים הם לכם 'בנכליהם', זיי ווילן אונזערע מחשבות, זיי ווילן אונזערע געדאנקען, זיי ווילן אז אין דעם עת בלבול וטירוף זאלן מיר דורכפאלן מיט מחשבות מינות וכפירה, און מיט ראיות אסורות.**

די שבטים האבן נישט מסכים געווען דערצו, נישט יעדער האט געקענט דערהייבן, 'עמאציאנאל' האט זיך דאס עפעס נישט אזוי דערהערט, עס איז נישט אזוי 'עטיש'... וידקור... אריינגעשטאכן... א נשיא שבט מישראל.

זיי האבן דאס אנגעהויבן תולה זיין אז אין זיינע אדערן פליסט גאר בלוט פון דעם גלח יתרו, 'הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודת כוכבים', און זיי האבן פרובירט אראפצוברענגען זיין הייליגע פעולה לטובת כלל ישראל אז דאס איז גאר א תוצאה פון מידות גרועות.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע "לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אהרן", די תורה הקדושה זאגט ניין, פנחס האט זיך מוסר נפש געווען לטובת כלל ישראל, פנחס האט געזען דעם מצב איום ונורא וואס האט באטראפן דאס כלל ישראל, פנחס מיט זיין מסירות נפש השיב את חמתי מעל בני ישראל, "**ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי**", ער האט גענומען די מהומה וואס איז געווען ביי כלל ישראל און ער האט געזאגט עד כאן! אידן זענען געבליבן שטיין, וואו זענען מיר אזוי פארלוירן געווארן, ווי זענען מיר אזוי פארבלענדעט געווארן?!

**אט דאס הייליגע קנאות דאס איז מידתו של אהרן הכהן! אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה! ווייל די מעשה 'רציחה' פון פנחס, איז געווען ריין אהבת ישראל, וואס מיט דעם האט ער געראטעוועט אידישע קינדער פון א גזירת כלי' ר"ל.**

דער **וואוידיסלאווער רב ז"ל** פלעגט נאכזאגן א טייער ווארט: "שלום איז זייער א האקעלע זאך, נישט יעדן קען מען געטרויען מיט שלום, עס איז א דבר התלוי בחוט השערה צו מאכן שלום מיט פושעים און פועלי אָון. דוקא פנחס בן אלעזר, וועלכער האט געוויזן אז ווען עס קומט צו לוחם זיין פאר כבוד שמים דאן הייבט ער אויף דעם חרב פיפיות בידו, און ער גייט ארויס לוחם זיין און מקנא זיין קנאת ה' צבקות אן קיין שום חשבונות בשר ודם, אים האט מען געקענט געטרויען מיט '**בריתי שלום**', ווייל ער ווייסט געני ווי איין און ווי אויס.

טייערע ברידער! מיר דארפן יעצט זיין אנשי שלום און אנשי מלחמה אויפאמאל, מיר דארפן ארויסווייזן אונזער אהבת ישראל, און אונזער דאגה און זארג לשלום אחב"י מיט'ן אכטונג געבן אויף אונזער טהרת המחשבה, סיי פון יצרא דעריות, און סיי פון יצרא דמינות.

דער הייליגער רבי ר' **אלימלך** זי"ע דערמאנט אונז "**כי צוררים הם לכם 'בנכליהם**', זיי ווילן אונזערע מחשבות, זיי ווילן אונזערע געדאנקען, זיי ווילן אז אין דעם עת בלבול וטירוף זאלן מיר דורכפאלן מיט מחשבות מינות וכפירה, און מיט ראיות אסורות. מיר מוזן קעמפן און אכטונג געבן צו בלייבן שטיין גלייך.